מעמאראנדום פון דער איניציאטיוו-קאמיסיע צו קאארדינירן געוויסע טעטיקייטן פון די אידיש-וועלטלאכע שולן אין אמעריקע

חשוב'ע חברים:

די ערשטע קאנפערענץ וועגן קאארדינירן געוויסע טעטיקייטן פון די אידיש וועלטלאכע שולן אין אמעריקע, איז פארגעקומען מיטוואך אונט, דעם 11טן יוני, אונטערן פארזיץ פון דוד פינסקי. עס האבן זיך באטייליקט די פאלגנדיקע ארגאניזאציעס: צענטראל-קאמיטעט אידישע פאלקס-שולן, שלום עליכם פאלקס-אינסטיטוט, צענטראלע פארוואלטונג אידישע ארבעטער-שולן, ארבעטער רינג לערער-פארבאנד, אלגעמיינער לערער פארבאנד און די אידישע קולטור געזעלשאפט. עס איז פארשטאנען געווארן, אז דער בילדונגס-קאמיטעט פון ארבעטער רינג וועט אויך צושטיין צו דער ארבעט. עס איז באשטימט געווארן איינצולאדן אויך דעם אידישן לערער סעמינאר.

אלע דעלעגאטן האבן אין נאמען פון זייערע ארגאניזאציעס דערקלערט, אז אין פרינציפ זיינען די ארגאניזאציעס מסכים צו קאארדינירן געוויסע טעטיקייטן, זיי דארפן אבער נאך דיסקוטירן קאנקרעט די פארגעשלאגענע פונקטן. עס איז אויך פארשטאנען געווארן, אז דא רעדט זיך ניט וועגן סתם פאראייניקן זיך, נאר וועגן טאן געוויסע ארבעטן בשתפות. די קאנפערענץ האט דערוויילט א' איניציאטיוו קאמיסיע, אין וועלכער עס זיינען ארין צו איין פארשטייער פון יעדער ארגאניזאציע. עס איז אויך באשטימט געווארן, אז חבר ש. ניגער זאל אנשרייבן א מעמאראנדום וועגן דער געפלאנטער קאארדינירונגס ארבעט. דער מעמאראנדום זאל צעשיקט ווערן צו די געלאדענע ארגאניזאציעס, וועלכע זאלן דיסקוטירן די פארגעשלאגענע קאנקרעטע פונקטן און באריכטן זייערע באשלוסן צו א צווייטער סעסיע פון דער קאנפערענץ.

טעקסט פון מעמאראנדום

פון די אלע טעטיקייטן, וואס לאזן זיך קאארדינירן, דארפן אויסגעקליבן ווערן פאר דער ערשטער צייט יענע, וועלכע קאנען ארויסרופן א מאקסימום-אינטערעס און א מינימום מיינונגס-פארשיידנהייטן. דערביי דארף אויך קלאר זיין, אז עס איז ניט אבסאלוט נויטיק, אז אלע ארגאניזאציעס זאלן צוזאמען טאן אלע ארבעטן. עס איז מעגלאך, אז איניקע ארבעטן זאלן טאן אלע — און אנדערע נאר א טייל פון די ארגאניזאציעס, וואס וועלן שאפן דעם קאארדינירונגס-קאמיטעט.

צו די אונטערנעמונגען, וועלכע דארפן ניט ארויסרופן קיין ספקות, געהערן, מיר אונז דוכט זיך, די פאלגנדע:

א) אן אלגעמיינע שול אויסשטעלונג. — אזא אויסשטעלונג איז אין פוילן ארגאניזירט געווארן פון דער צענטראלער אידישער שול ארגאניזאציע (ציש"א) — און זי האט געהאט א קאלאסאלע באדייטונג. זי האט דער גאנצער וועלט געוויזן, וואס א פרייע פראגרעסיווע שול אויף דער פאלקס-שפראך קאן אויפטאן. זי איז וויכטיק געווען אויך פאר די שולן אליין. זיי האבן אויפגעזאמלט אין איין ארט די רעזולטאטן פון זייער ארבעט און געמאכט א מין סך-הכל. די לערער און די טוער פון די שולן שטייען צו נאענט צו דער טאג-טעגלאכער טעטיקייט און עס פעלט זיי אפט די פערספעקטיוו. און פאר אונז דא אין לאנד וואלט זי נאך מער אויפגעטאן. זי וואלט אונז געליפערט די מעגלאכקייט צו פארגלייכן די פארשיידענע שולן און צו זען אויפגעזאמלט אין איין ארט די לעבעדיקע מוסטערן פון יעדער פון זיי. עס וואלטן אונז א סך זאכן קלערער געווארן. עס וואלט בולט ארויסגעטראטן אי דאס, וואס מאכט די פארשיידענע סארטן שולן נאענט איינע צו די אנדערע, אי דאס, וואס מאכט נויטיק די זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ פון יעדער פון זיי. און דער הויפט-אויפטו וואלט געווען דער אינטערעס, וואס אזא מין אויסשטעלונג וואלט אויפגעוועקט צו דער גאנצער אידישער דערציאונגס-באוועגונג. מען וואלט געשריבן וועגן דעם אין דער אלגעמיינער און אין דער אידישער פרעסע. ברייטערע קרייזן וואלטן זיך דערוואוסט, אז עס איז דא אזא זאך ווי א מאדערנע אידישע שול-באוועגונג אין אמעריקע. מען מיינט דאך נאך אלץ, אז מער ווי חדרים און תלמוד תורה'ס האבן מיר ניט. עס זיינען פאראן טויזנטער און טויזנטער פאמיליעס, וואס שטעלן זיך גאר ניט פאר, אז מען זאל קאנען געבן אידישע קינדער אין אמעריקע א נאציאנאלע אידישע דערציאונג און ניט דארפן אנקומען צו די "ברכות", וועלכע קיינער זאגט ניט, און צו "עברי", וואס מאכט ניט די קינדער פאר אויס עם-הארצים. . . . א אידישע שול אויסשטעלונג — פריער אין ניו-יארק און דערנאך אין אנדערע גרעסערע צענטערן — וואלט געווען דער אויסגאנגס-פונקט פון א אידישער דערציאונגס-קאמפאניע אין אזא מאסשטאב אין וועלכן זי איז נאך קיינמאל ניט געפירט געווארן.

דא ניט לאנג איז אין אנהויב פון אזא מין אויסשטעלונג געמאכט געווארן דורך דעם בילדונגס-קאמיטעט פון דעם ארבעטער-רינג; אויך די שלום-עליכם שולן האבן באשלאסן איינצוארדענען אזא אויסשטעלונג, אבער אן אמת-גרויסער אויפטו וועט א אידישע שול-אויסשטעלונג אין אמעריקע זיין ערשט דאן ווען זי וועט טראגן אן אלגעמיינעם כאראקטער און וועט ארגאניזירט ווערן אין א גרויסן מאסשטאב ביי דער מיטהילף און מיט די כחות פון אלע אידישע שול ארגאניזאציעס.

ב) א אידישע שול-וואך. — יעדע אידישע שול ארגאניזאציע גיט זיך אפ מיט דער פראפאגאנדע פון איר דערציאונגס אידייען, יעדע אגיטירט צווישן די עלטערן פאר אירע שולן. אבער זיי טוען עס יעדע אין איר אייגענעם קרייז. זיי האבן ניט די מעגלאכקייטן צו רעדן צו א ברייטערן עולם. אבער עס איז צייט, אז די מאדערנע אידישע דערציאונג זאל ווערן די אנגעלעגנהייט פון דער גאנצער אמעריקאנער אידישער עפנטלאכקייט. אין משך פון איין וואך כאטש מוז יעדן יאר די אויפמערקזאמקייט פון דער אידישער עפנטלאכער • מיינונג צוגעשמידט ווערן צו די אויפטואונגען און פראבלעמען פון דער מאדערנער אידישער שול. אין דער וואך מוז די אידישע פרעסע זיין יעדן טאג פול מיט נייעס, בילדער און ארטיקלען, וואס זיינען שייך צום לעבן פון די פארשיידענע טיפן אידישע שולן. אין דער וואך מוז אומעטום אפגעהאלטן ווערן פאלקס-פארזאמלונגען און ארגאניזירט ווערן סימפאזיומס, דעבאטן, לעקציעס וועגן דער מאדערנער אידישער שול. אין די אידישע טעאטערס, צווישן איין אקט און דעם אנדערן, מוז גערעדט ווערן וועגן אידישער דערציאונג. פראצעסיעס פון אידישע שול קינדער מיט פלאקאטן און פאנען זאלן זיך ציען איבער די הויפט גאסן. א גראנדיעזער, קינסטלעריש-איינגעארדנעטער קינדער יום-טוב זאל פארקומען אין איינעם פון די גרעסטע זאלן פון שטאט . . . דאס וועט זיין די וואך פון דעם אידישן קינד, די וואך פון דער פראגרעסיווער אידישער דערציאונג. קאן דאס דערגרייכט ווערן דורך איין שול ארגאניזאציע? עס איז קלאר, אז ניין. און עס איז קלאר, אז דאס וואס וועט פארזייט ווערן אין אט דער וואך אויפ'ן אלגעמיינעם אידישן דערציאונגס-פעלד, וועט מיט פרייד געזאמלט ווערן פון יעדער ריכטונג באזונדער און פון אלעמען אינאיינעם.

אבער דאס זיינען ניט די איינציקע אויפגאבן, וואס שטייען פאר דער צענטראלער אידישער שול-קאמיסיע, וועלכע דארף זיין דער וויכטיקסטער רעזולטאט פון אונזער ארבעט.

עס זיינען דא נאך צילן און אויפגאבן צוליב וועלכע עס איז נויטיק און מעגלאך א קאארדינירטע שול-טעטיקייט.

ג) ליטעראטור פון דער יוגנט. — טויזנטער איד-שע קינדער, וועלכע זיינען געגאנגען אדער גייען אין אונזערע עלעמענטארע אדער מיטל-שולן, האבן זיך אויסגעלערנט צו לייענען אידיש; א סך פון זיי זיינען פאראינטערעסירט געווארן אין דער אידישער ליטעראטור. אבער זיי האבן אפט, כמעט שטענדיק אן אנדער געשמאק און אנדערע לייען געוואוינהייטן ווי מיר אלע, און עס מוז פאר זיי באשאפן ווערן א ספעציעלער פארלאג. עס מוזן ארויסגעגעבן ווערן פאר זיי די געקליבענע ווערק פון אונזערע בעסערע שרייבער מיט אלע נויטיקע קירצונגען, דערקלערונגען און באארבייטונגען. עס דארף סטימולירט ווערן די שאפונג און איבערזעצונג פון ביכער, וואס האבן א באזונדער באדייטונג פאר דער אידישער יוגנט אין אמעריקע. עס זיינען נויטיק ספעציעלע ביאגראפיעס, כרעסטאמאטיעס, מעשות — פארבונדן מיט דער אידישער געשיכטע, מיט דער אידישער סאציאלער און נאציאנאלער באוועגונג, מיט דער אמעריקאנער אידישער איינוואנדערונג. עס וואלט ניט געשאדט צו האבן א סעריע זאמלונגען פון דראמאטישע בילדער, דיאלאגן, סצענעס, וואס זאלן קאנען געשפילט ווערן אין די דראמאטישע קרייזן פון אונזערע מיטל-שולן, יוגנט-קלובן און ד. ג. א קורצע אידישע געשיכטע אין האלב-בעלעטריסטישער פארם איז נויטיק ווי לעבן; אויך א קאנדענסירטע פון דער אידישער און העברייאישער ליטעראטור, און פארוואס זאל ניט ארויסגעגעבן ווערן קיין מאנאטלאכער זשורנאל פאר דער יוגנט?

אבער דאס זיינען אלץ, וואס מען זאגט פאנטאזיעס. ניין, ווען אלע אידישע שול-ארגאניזאציעס זאלן זיך צענויפליינן און מאכן שותפות, קאנען זיי נאך גרעסערע פלענער אויספירן.

ד) פעדאגאגישע ליטעראטור און א פעדאגאגישער זשורנאל: — אין די אלע פרואוון, וואס זיינען ביז איצט געמאכט געווארן אויף דעם דאזיקן געביט איז ניט געווען קיין מזל-ברכה. עס זיינען געווען א סך אורזאכן. די וויכטיקסטע פון זיי אבער איז געווען דאס פעלן פון גייסטיקע און מאטעריאלע מיטלען. דארפן זיך דערפאר נעמען ניט איין גרופע לערער און ניט איין ארגאניזאציע, נאר אלע לערער און אלע ארגאניזאציעס. עס וועט רעגיסטרירט ווערן דער רייכער דערפארונגס-מאטעריאל, וואס איז דא אין אלע אידישע שולן — און מיר וועלן לערנען איינע פון די אנדערע. די שטרייט-פראגן וועלן עפנטלאך דיסקוטירט ווערן. יעדע ריכטונג און יעדער נייער עקספערימענט וועט באטראכט ווערן פון אלע זייטן, און מיט קאלעקטיווע כחות וועט זיכער זיין לייכטער צו פארענטפערן אזעלכע שווערע פראגן ווי די, וואס זיינען פארבונדן מיט דער מעטאדיק פון אידישער געשיכטע, אידישער ליטעראטור און א. וו.

ה) א אידישער שול ארכיוו: — עס איז א שאנדע אויסצוזאגן, אז ווען אימיצער זאל וועלן שרייבן די געשיכטע פון דער אידישער שול-באוועגונג אין אמעריקע, וועלן אים איצט שוין אויספעלן דאקומענטן און מאטעריאלן פון ערשטן קוואל. כאטש די אידישע שול אין אמעריקע איז אין גאנצן אלט וואסערע צוויי צענדליק יאר, — היינט, וואס וועט שוין זיין שפעטער? און פארוואס עפעס נאר געשיכטע? צוליב דעם היינט און דעם מארגן פון דער אידישער דערציאונג אין אמעריקע, וואלטן מיר גענדארפט האבן די אלע דאטן וועגן דער צאל קינדער פון פארשיידענע טיפן שולן אין פארשיידענע צייטן און געגנטן, וועגן זייער געשלעכט, עלטער, ווי אויך וועגן דער סאציאלער לאגע פון זייערע עלטערן. אונז וואלטן גענדארפט זיין באקאנט אלע פרטים פון דער עוואלוציע, וואס די אידישע שול האט דורכגעמאכט און מאכט דורך בנוגע איר סאניטאר היגיענישן און פינאנציעלן צושטאנד. בנוגע איר פראגראם, אירע לערער און טוער, אירע אלגעמיינע קולטור-טעטיקייטן, איר ווירקונג אויפן גרויסן עולם דערוואקסענע א. א. וו. פון וואנען זאלן זיך נעמען די אלע ידיעות, וואו זאלן זיי זיך זאמלען און אויפהיטן און סיסטעמאטיזירט ווערן, אויב מיר וועלן ניט האבן קיין צענטראלן אידישן שול-ארכיוו? און ווער וועט שאפן אזא ארכיוו, אויב די טעטיקייטן פון די פארשיידענע אידישע שול-ארגאניזאציעס וועלן ניט קאארדינירט ווערן, וויניציקסטענס, אין אזא אלגעמיינער אויפגאבע?

מען וואלט נאך געקאנט דערמאנען אזא מין אינטערעסאנטע און וויכטיקע אויפגאבע ווי די שאפונג פון א שטענדיקן אידישן קינדער טעאטער, אבער דאס קען מען אפלייגן אויף שפעטער.

די קאמיסיע פארשטייט, אז יעדע פאראינטערעסירטע ארגאניזאציע קען און זאל צושטעלן נאך קאנקרעטע קאארדינירונג פונקטן. די אלע דערמאנטע פונקטן דארפן דינען ווי א גוטער אנהויב פאר א בשותפות'דיקער ארבעט פאר די געמיינזאמע אינטערעסן פון דעם אידישן וועלטלאכן שול-וועזן אין אמעריקע.

מיט אידישן קולטור גרוס,
די איניציאטיוו קאמיסיע,
ה. נאוואק,
צייטווייליקער סעק.

בריוו פון רעוו. בנימין וואראבייטשיק

(שלוס פון זייט 4)

דענט פון די חברה שומרי שבת סאסייטי אין דעטראיט. אלע קאנען מיך.

מיט אכטונג,
אייער שמייסער.

נו, מר. רעדאקטאר, ווי געפעלט אייך אזא חוצפה פון א גראבן יונג? שרייבט זיך נאך אונטער "אייער שמייסער"! האלט אייך, אזוי לאנג שמייסט מען אים ווי לאנג איך וועל שוין קיין דעטראיט ניט קומען. און צוריק גערעדט, אז איך וועל אפילו יא קומען איז ער עס מחויב צו וויסן? יא, באלד לויף איך אים אפשטאטן דעם ערשטן וויזיט. וואס זשע רעדן, אנדערש שטייט אים ניט אן!

און אט האט איר דאס לעצטע בריוול. ווי זאגט יענער: קורץ און גוט.

שרייבט מען מיר בזה לשון:

מר. בנימין וואראבעי: —

דזשענטלמאן, מיר ווארנען אייך איר זאלט תיכף אפשטעלן דאס מאנופעקטשורינג פון דעם נייעם שייווינג קרים, וואס איר האט אדווערטייזט אינ'ם "אידישן ווארט". אויב ניט וועלן מיר זיין געצוואונגען אנצוקלאגן אייך אין קאורט פאר פעלשן אונזער פאטענט.

מיט אכטונג,
חנה כשר שייווינג קרים קא. אינק.
"פעטענט עפלייד פאר"

נו, וואס האט איר דערצו צו זאגן, מר. רעדאקטאר? אמעריקע, הא?

מיט אכטונג,
רעוו. בנימין וואראבעי, שוחט
מוהל מסדר קדושין.

יהושע קירזשנער ע"ה



מאנטאג דעם 30טן יוני, 15 מינוט נאך 12 בייטאג, האט זיך געפירט די לויה פון יהושע קירזשנער ע"ה פון דער הויז פון מר. געלערי 474 באראוס עווע. טויזנטער מענשן האבן באגלייט דעם ארון ביז צום מושב זקנים וואו הרב ישעי' הלוי הורוויץ האט געמאכט א הספד. פון מושב זקנים איז מען געגאנגען צום בית יעקב שול, וואו מען האט דעם ארון אוועקגעשטעלט פאר דער שול און הרב כהנאוויטש האט געמאכט א הספד פון וועלכן דער גאנצער עולם האט ביטער געוויינט. פון דער בית-יעקב שול איז מען געגאנגען צו דער תלמוד תורה וואו הרב זילבערשטיין האט געמאכט א זייער איינדרוקספולן הספד, און חזן קושניר האט געמאכט אן "אל מלא רחמים", חזן קנעלמאן — ביי דער בית יעקב שול און חזן קרוויטבערג לעבן מושב זקנים. ביי דער תלמוד-האט זיך דער עולם געזעצט אין די אויטאמאבילן און מען איז אפגעפארן צום היברו סיק בענעפיט בית-עלמין וואו דער פארשטארבענער יהושע קירזשנער איז געקומען צו זיין אייביקער רו.

עס איז געווען צו זען די גרויסקייט פון י. קירזשנער נאך דער לויה וואס ער האט געהאט. געקומען איז ער קיין וויניפעג פון דובנא אין 1905, און פאר די לעצטע 25 יאר האט ער זיך דערווארבן א נאמען, וואס איז ווערט צו פארצייכנט ווערן אין דער געשיכטע פון אידישן וויניפעג. עס איז ניט געווען קיין איין אינסטיטוציע אין וויניפעג וואו דער פארשטארבענער זאל ניט זיין קיין מיטגליד. ער האט ניט באלאנגט פאר כבוד ח"ו.

צום בית-יתומים, געגעבן געלט און געארבעט, צום מושב-זקנים — געגעבן געלט און געארבעט. תמיד זיך געוויצלט מיט די אלטע און אז די אלטיטשקע פלעגן אים דערזעען האבן זיי אויפגעלעבט. ער איז שטענדיק געווען מיט א שמייכל, און פאר יעדן האט ער געהאט א גוט-ווארט. פאר דער תלמוד-תורה האט ער געגעבן מיט'ן פולן הארצן. ער איז אויך געווען א שטיק צייט אין דער באורד. אין דער בית-יעקב שול איז ער געווען איינער פון די אנגעזעענסטע מיטגלידער. וועגן קליניק איז גאר ניטא וואס צו ריידן; א האלב לעבן האט ער אוועקגעגעבן פאר דעם אויפבוי פון קליניק. זיין וואונש איז געווען — א אידישער האספיטאל.

אין דער היברו סיק בענעפיט סאסייטי איז ער געווען דער איבערגעבנסטער מיטגליד און חבר. ער האט א סך געארבעט פאר די מלחמה ליידנדע. איז געווען אן אימיגריישאן — האט מר. קירזשנער געהאלפן מיט ראט און טאט. האט מען אראפגעבראכט אידישע פליכטלינגע — האט מר. קירזשנער געגעבן געלט און ארבעט און גענומען מענשן צו זיך צום נעכטיקן. מיט איין ווארט, יהושע קירזשנער ע"ה איז ניט נאר אפגעשטארבן פאר זיין פרוי און קינדער. ער איז אפגעשטארבן אין א גרויסער מאס פאר גאנץ וויניפעגגער אידנטום. לאנג, לאנג וועלן וויניפעגגער אידן טרויערן נאך קירזשנערן וואו ער וועט אומעטום אויספעלן. אבער געשטארבן איז נאר דער קערפער. זיין גייסט וועט שטענדיק פארבלייבן מיט אונז און אין דעם זאל די פאמיליע געפינען א טרייסט.

אב. כהן.

—(::)—

פייגע רחל וויינשטיין ע"ה

פייגע רחל וויינשטיין איז געשטארבן לעצטן שבת אוונט, אין עלטער פון 78 יאר. די פארשטארבענע איז געקומען אין קאנאדע אין 1910. זי לאזט איבער 11 קינדער, דריי טעכטער [illegible] אכט זין, ווי אויך 20 אייניקלאך און 3 אור-אייניקלאך. זי איז געשטארבן ביי איר טאכטער, מרס. וויינער אין דער היים, 26 אייקינס סט.

די פארשטארבענע איז געווען געשעצט און געאכטעט אין דעם קרייז [illegible] איר משפחה, פריינט און באקאנטע. א גרויסער עולם האט זי באגלייט צו איר אייביקער רו. ת'נ'צ'ב'ה'.

אויפמערקזאם! די היברו סיק בענעפיט סאסייטי

ציט די אויפמערקזאמקייט פון אלע די וואס האבן פריינט אויף דעם בית-עולם (סעמעטערי) פון דער היברו סיק בענעפיט סאסייטי, אז זיי זיינען געבעטן צו פאררעכטן די מצבות וועלכע האלטן ביים איינפאלן, אדער וועלכע זיינען שוין איינגעפאלן.

מיט אכטונג,
סעמעטערי קאמיטע ה.ס.ב.ס.
אב. כהן, סעקר.

יהושע קירזשנער ע"ה

מיר, מיטגלידער און אפיסערם פון בית יעקב שול, באדויערן זייער דעם פריצייטיקן טויט פון אונזער געטרייען מיטגלד און אמת'ן גוטן פריינט צו אונז אלעמען און צו אלץ וואס אנבאלאנגט צום ארטאדאקסישן אידנטום, און איינער פון די הויפט זוילן פון בית יעקב שול ר' יהושע קירזשנער ע"ה. מיר האבן ניט קיין ווערטער אויסצודריקן אונזער צער און שמערץ וואס מיר האבן פארלארן אין דעם פארשטארבענעם. השי"ת זאל טרייסטן די פרוי מיט די קינדער און אויך אונז אלע וויניפעגער אנשטאלטן, עס זאל מער ניט פארקומען ביי אונז אזעלכע אומגליקן און עס זאל שוין מקוים ווערן בילע המות לנצח וכו'.

אין נאמען פון
בית יעקב שול
יוסף יעקב בריקמאן, וויים-פרעזידענט

אין נאמען פון
בקור חולים דבית יעקב
" אברהם בערג, פרעזידענט

יהושע קירזשנער ע"ה

מיט צעבראכענע הערצער און טיפן טרויער שטייען מיר מיט געבויגענע קעפ ביים פרישן קבר פון אונזער געוועזענעם טייערן פריינט, יהושע קירזשנער ע"ה. זיין ליכטיקער אנדיינק וועט שטענדיק שוועבן פאר אונזערע אויגן און וועט זיין איינגעקריצט אין אונזערע הערצער. אונזער טרייסט און מיטגעפיל צו זיין פרוי און קינדער און דער גאנצער פאמיליע. המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מר. און מרס. ר. קאהען
241 פריטשארד עווע.

ברוך-שניאור סאבלעט ע"ה

אין טיפן טרויער באדויערן מיר דעם טויט פון אונזער בעסטן פריינט מר. סאבלעט ע"ה. מיר שיקן אונזער טרייסט צו דער פרוי און קינדער און דער גאנצער פאמיליע און ווינשן זיי מער קיינמאל פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. קונין
און פאמיליע
טאראנטא

יהושע קירזשנער ע"ה

צו מרס. קירזשנער און אירע קינדער דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אויף דעם פארלוסט פון זייער ליבן מאן און פאטער. מיר ווינשן זיי און דער גאנצער משפחה געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

לײדיס סאס. פון בית יתומים

יהושע קירזשנער ע"ה

צו אונזערע חברות איידא און עמא, און צו זייער מוטער און דער גאנצער פאמיליע דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער גרויסן פארלוסט. מיר ווינשן זיי אלעמען געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

אידיט אלפערט
בעסי ראמבערג

יהושע קירזשנער ע"ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו דער אלמנה און יתומים אויף דעם פארלוסט פון זייער ליבן מאן און פאטער. מיר ווינשן זיי און דער גאנצער משפחה געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. ס. ב. לעווין

יהושע קירזשנער ע"ה

צו מרס. קירזשנער, די קינדער און דער גאנצער פאמיליע דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער שווערן פארלוסט. מיר ווינשן זיי אלעמען געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. קאלמאן
און פאמיליע

יהושע קירזשנער ע"ה

מיר טרויערן אויף דעם גרויסן אומגליק און מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו דער אלמנה, אונזער שוועסטער חיה קירזשנער מיט די קינדער אין זייער גרויסן פארלוסט. מיר ווינשן זיי און דער גאנצער משפחה געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

לײדיס אקזילערי פון דער
היברו סיק בענעפיט סאסייטי

יהושע קירזשנער ע"ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אויף דעם פריצייטיקן טויט פון אונזער גוטן פריינט. מיר שיקן אונזער טרייסט צו זיין פרוי און קינדער און צו דער גאנצער פאמיליע און ווינשן זיי מער קיינמאל פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. ה. פענסאן

יהושע קירזשנער ע"ה

צו מרס. קירזשנער און אירע קינדער דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער שווערן פארליסט. מיר ווינשן זיי און דער גאנצער משפחה געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. ה. העכט
און פאמיליע

יהושע קירזשנער ע"ה

צו דער אלמנה און יתומים דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אויף דעם פארלוסט פון זייער ליבן מאן און פאטער. מיר ווינשן זיי און דער גאנצער פאמיליע געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. סעם ראסאוו

מר. און מרס. יוסף טשאראטש
220 דאפעריז עווע.

מר. און מרס. פ. ראסאווסקי
און פאמיליע

מר. און מרס. מאריס ראסאוו

יהושע קירזשנער ע"ה

צו מרס. קירזשנער, די קינדער און דער גאנצער פאמיליע דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער גרויסן פארלוסט. מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

לײדיס אקזילערי
מאונט כרמל קליניק

יעקב שמעלניצקי ע"ה

(סעאטל, וואש.)

אין צער און טרויער דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו זיין פרוי און קינדער אויף דעם פארלוסט פון זייער ליבן מאן און פאטער. מיר ווינשן זיי און דער גאנצער פאמיליע געטרייסט צו ווערן און מער קיינמאל פון קיין צער ניט וויסן.
המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מר. און מרס. ס. ב. לעווין

קעמפט מיט'ן מלאך-המות צוליב דער וויסנשאפט

פון ש. ווארעט

ניט ווייט פון האליוואוד האט מען מיט עטלאכע טעג צוריק געפונען דעם טויטן קערפער פון א באוואוסטן האליוואוד דאקטאר, אלטער פ. גאי, וועלכער איז געווען זייער באליבט און פאפולער און איז געאכטעט געווארן אין אלע קרייזן. דעם דאקטאר'ס קערפער איז געפונען געווארן אנגעלייגט אויף צוויי קישנס אין דער בעק אין זיין אווטאמאביל, אויף אן איינזאמען וועג פון שטאט.

ווען דעם דאקטאר'ס קערפער איז געפונען געווארן, האט מען צוערשט געדענקט, אז ער איז באגאנגען זעלבסטמארד, כאטש דאס האט זיך קיינעם ניט געלייגט אויף דעם שכל, ווייל יעדער איינער האט געוואוסט, אז ער האט געפירט א גליקלאך פאמיליען לעבן מיט זיין פרוי און מיט זיינע געראטענע קינדער.

האט מען דעריבער אנגעפאנגען צו זוכן אין דעם אווטאמאביל און דארט האט מען געפונען עטלאכע צעטעלאך, וואס האבן אויפגעקלערט דעם גאנצן סוד וועגן די אומשטענדן אונטער וועלכע ער איז געשטארבן. דער אינהאלט פון די דאזיקע צעטעלאך האט פאראורזאכט א רושם אין שטאט ווייל זיי האבן דערציילט א זאך וואס האט געקלונגען אומגלויבלאך.

דער דאקטאר איז אנגעגריפן געווארן פון אפענדיסייטיס. ווי עס ווייזט אויס, האט ער אנשטאט צו מעלדן וועגן דעם זיין פאמיליע, וועלכע וואלט אים גלייך אפגעפירט פאר אן אפעראציע אין א האספיטאל, ווי דאס איז דער פאל מיט יעדן איינעם, וועלכער קריגט א שארפע אטאקע אויף אפענדיסייטיס, און דאס איז אויך דער איינציקער וועג ווי צו ראטעווען דעם אנגעגריפענעם, האט דער דאקטאר באשלאסן זיך מקריב צו זיין פאר זיין פראפעסיע, כדי די וועלט זאל וויסן ווי אזוי אזא קראנקער פילט ווען ער קעמפט קעגן דער אטאקע.

האט דער דאקטאר קיינעם פון זיין פאמיליע ניט דערציילט א ווארט וועגן דעם. ער האט גענומען צוויי קישנס אונטער דעם ארעם, א קליין פעקעלע פון זיין מעדיצין קעסטעלע און אריינלעגנדיק די זאכן אין אויטאמאביל, איז ער ארויסגעפארן אויסער שטאט. וואס האט מיט אים ווייטער פאסירט וועלן מיר לאזן וועגן דעם דערציילן זיינע בריוועלאך וואס ער האט אין די לעצטע מינוטן געשריבן מיט א פעסטער האנט:

"10 אזייגער אינדערפרי: אפענדיסיטיס איז מיר באפאלן. די ווייטיקן זיינען מורא'דיקע.

"12 מיטאג צייט: איך ליג אין דער בעק פון מיין קאר אויף די קישענס. דער ווייטאג איז גרויס. איך האב זיך געמאכט היפאדערמישע איינשפריצונגען. דאס האב איך נאך קיינמאל ניט געטאן. איך פיל זיך אביסעלע בעסער.

"1 נאכמיטאג: איך האב שוין חרטה אויף מיין פראבע. איך וואלט געוואלט קומען קיין לאס אנדזשעלעס צו קאנען אויסשניידן מיין אפענדיקס. אבער עס איז שוין, ווי עס ווייזט אויס, צו שפעט. איך מוז איצט נעמען מארפין.

"2 נאכמיטאג: מיין אפענדיקס איז אויף גרויסע צרות. איך קאן שוין מער ניט אריבערטראגן. גוד באי, מיינע טייערע.

"2.15 נאכמיטאג: א האלבן גראן מארפין האב איך איצט גענומען. די לעצטע מינוט האט געשלאגן. מאכט מיר ניט קיין פאראדנע לויה. מיין צוואה געפינט זיך אין דער סייף פון מיין אפיס און דאס שליסעלע צו דער סייף איז אין מיין קעשענע. איך פיל ווי איך וואלט פארלארען דעם באדן אונטער די פיס. מיין קערפער זאלט איר פארברענען. די באנק האט געפירט אלע מיינע געשעפטן. זייט . . ."

דא ווייזט אויס איז אים די פעדער ארויסגעפאלן פון דער האנט און ער איז געשטארבן. געשטארבן א מארטירער פאר זיין פראפעסיע, א מארטירער פאר דער וויסנשאפט, כאטש זיינע נאטיצן גיבן ניט די מינדסטע אנצוהערענישן וועגן מיטלען וואס וואלטן געקאנט אנגעווענדעט ווערן צו היילן אפענדיסיטיס אן אן אפעראציע.

דאס איינציקע וואס ער האט יא אויסגעפונען איז קיין נייעס ניט און דאס איז, אז מיט דער הילף פון מארפין קאן מען בלויז פארלייכטערן דעם טויט. א שאד וואס אזא פעאיקער דאקטאר ווי ער איז געווען, זאל האבן פארלארן זיין לעבן אומזיסט. ווען זיין קרבן וואלט כאטש געווען געבראכט נייע פאקטן דער וויסנשאפט, וואלט מען געקאנט געפינען א טרייסט אין זיין האנדלונג, אבער ניט אכטענדיק דארויף וואס זיינע אבזיכטן זיינען געווען הייליקע, האט ער אבער אומזיסט געאפפערט מיט זיין לעבן און ווי די נאטיצן זיינע ווייזן, האט ער דעם טעות זיינעם איינגעזען א ביסל צו שפעט.

אין אן אייגענעם אפיס

דר. ה. מעדאווי

האט זיך לעצטנס צוריקגעקערט פון פילאדעלפיע, און ער אנאנסירט די דערעפענונג פון זיין אפיס פאר דער פראקטיק פון קינדער קראנקהייטן. זיין אפיס געפינט זיך אין 904 באיד בילדינג.

דר. מעדאווי איז געווען אן אינטערן אין וויניפעגער דזשענעראל האספיטאל און אין וויניפעגער קינדער שפיטאל.

ועד העיר

דער ועד העיר לאזט וויסן אלע דעלעגאטן וועלכע זיינען אויסגעקליבן געווארן פון די שולן צו נעמען אן אנטייל אין ועד העיר,
זיי זאלן קומען

דעם שבת, יולי 5טן, 9 אזייגער אין אוונט

אין תלמוד תורה

קארנער טשארלס און פלארא, דאונסטערס

וואו עס וועט אפגעהאלטן ווערן דער

מיטינג

און עס וועט אפגעגעבן ווערן א באריכט וואס די קאמיטעט האבן אפגעטאן ביז איצט

אויס מאנגל אין צייט איז ניט מעגלאך געווען צו רופן די דעלעגאטן דורך בריוו און מיר זיינען געצוואונגען אייך רופן דורך דער פרעס.

מיט דרך ארץ,
די קאמיטע